# קאַפּיטל צוואַנציק

20

1 א און דעם ערשטן טאָג פון דער וואָך אינדערפרי,
בשעת עס איז נאָך געווען פינסטער, קומט מרים
פון מגדלה צום קבר, און זעט דעם שטיין
2 אַוועקגענומען פון קבר. לויפט זי דעריבער
און קומט צו שמעון פּעטרוסן און צום אַנדערן
תלמיד, וועמען ישוע האָט ליב געהאַט, און זאָגט צו
זיי: מען האָט אַוועקגענומען דעם האר פון דעם
קבר אַרויס, און מיר ווייסן נישט, וואו מען האָט
3 אים געלייגט. און פּעטרוס איז אַרויסגעגאַנגען און
דער אַנדערער תלמיד, און זענען אַוועק צום קבר.
4 און ביידע זענען געלאָפן צוזאַמען; און דער
אַנדערער תלמיד איז געלאָפן פאָרויס, גיכער ווי
פּעטרוס און איז דער ערשטער אָנגעקומען צום
5 קבר. און איינבייגנדיק זיך, האָט ער געזעען
די תכריכים ליגן; ער איז אָבער נישט אַריינגע־
6 גאַנגען. דאַן קומט אויך שמעון פּעטרוס, נאָכפאָלגנ־
דיק אים, און איז אַריינגעגאַנגען אין קבר אַריין;
7 און זעט די תכריכים ליגן, און דאָס טיכל, וואָס
איז געווען אויף זיין קאָפּ, איז נישט געלעגן צוזאַמען
מיט די תכריכים, נאָר באַזונדער צונויפגעוויקלט
8 אויף איין אָרט. און דעמלט איז אויך דער אַנדערער
תלמיד אַריינגעגאַנגען, ער, וואָס איז געקומען דער
ערשטער צום קבר, און האָט געזעען און געגלויבט.
9 ווארום זיי האָבן נאָך נישט פאַרשטאַנען די שריפט,
10 אַז ער מוז אויפשטיין פון די טויטע. און די תלמידים
זענען ווידער אַוועק צו זיך אַהיים.
11 מרים אָבער איז געשטאַנען אינדרויסן ביים קבר
וויינענדיק; און בשעת זי האָט געוויינט, האָט זי